לונדון, 22.3.39

מיין ליעבר יארבלום -

ס'איז אסח אז כ'וועל זיין אין פארים. עטליכע טעג פארן צוריק פאהרען, אבער כ'וועל זיך נישט באטייליגען אין קיינע פארזאמלונגען אדער מיטינגען אדער זיצונגען. דו האסט קוים א באגריף וואס פאר א גהינום איז געווען די אזוי גערופענע "לאנדאנער קאנפערענס" און וויפיעל נערוועז דאס האט געקאסט, און פאר'ן צוריקקומען נאך א"י מוז איך האבען עטליכע טעג רוהע. א"י וועט אויך יעצט נישט זיין קיין לייכטער "דזאב".

כ'וועל ווארשיינליך זיין אין פארים פרייטאג אבענד אדער שבת פריה.

ס' איז שווער צו שרייבען אנ' ארטיקעל איבער די לאנדאנער קאנפערענס, ווייל מיר באמיהען זיך נאך צו פארהאלטען די רעגירונגס פאליטיק - ערקלערונג, און ס'איז נישט אין אונזער אינטערעס צו פארעפענטליכען די רעגירונגס-פלענער כל זמן זי אליין האט זי נישט אפיצעל פארעפענכליכט. אבער מיר וועלען זעהען אין פאריז. ביז דאמאלס וועט די לאגע אפשר ווערען קלערער.

דערווייל האבען מיר פארשפיעלט - דא, אין לאנדאן. ס' שיינט אקאפיטעל האט זיך פארענדיגט. מיר וועלען דארפען אנ'הויבען אנייעם קאפיטעל. איך כוף עס - א"י קאפיטעל. מיר

./.

וועלן זעהען וואס מיר קאנען טון מיט אונזער <u>בח</u>. מיר זיינען ניט אזוי שוואך ווי די אראבער און מאנכע ענגלענדער דענקען. איך בין אבסאלוט זיכער אז מיר וועלן וועלן - וועט קיין אראבישער שטאט אין א"י ניט זיין. איך גלייב ניט אז אפילו די ענגלענדער מיינען ערנסט מיט'ן "אינאבהענגיגען" שטאט.

גריס אלעמען

ד.ב.ג.

./.